## דער יסוד היסודות פון די שיטה הקדושה:

# הרבי מסאטמאר טעה?

**עכט סאטמאר; א מחלוקת צווישן גדולי ישראל; כבוד התורה במשנתו פון רביה"ק זי"ע; הרבי מסאטמאר טעה?**

**זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור**

שטייענדיג אין די טעג פונעם יומא דהילולא קדישא, ווען עס זענען שוין אריבער אזויפיל יארן זינט די פטירה, ווען כבה נר ישראל, עס איז פארלאשן געווארן די לעכטיגקייט וואס האט באלאכטן אונזער דור מיט א געטליכע ליכט, מיט א קלארן דעת און הוראה אויף יעדע מאורע און אויף אלע נסיונות ופגעי הזמן.

היינט, 47 יאר שפעטער, ווען דער כח ההנהגה ביי כלל ישראל האט געליטן אזא קלאפ בעוונותינו הרבים, האבן זיך אין די זעלבע צייט געשטארקט די נסיונות, דער בלבול הדעת, און דער עירוב טוב ורע אויף א מאסשטאבליכן פארנעם. עס זענען אויפגעשטאנען פעלשער און "מה יפית" געדאנקען צו מאדיפיצירן די דרכים פון רביה"ק זי"ע, זה בכה וזה בכה. אלזא, וואס קענען מיר טון צו קענען זאגן מיט א רואיג געוויסן אז מיר זענען ממשיך דעם רבינ'ס הוראות? וואס איז דער גענויער און קראנטער מעסטער זיך צו פארזיכערן אז מיר זענען טאקע תלמידיו ותלמידי תלמידיו, און מיר גייען בדרכיו הקדושים?

## כל אחד יאמר "עכט סאטמאר". האיך יתקיימו שניהם?

מיר לעבן אין א צייט ווען אלע שרייען "הרבי מסאטמאר צודק". עס איז געווארן אן אנגענומענער מהלך זיך אנצוגעבן אלס אנהענגער און נאכפאלגער פון שיטת מרן רביה"ק זי"ע. עס זענען דא גאנצע קהילות וואס פאררופן זיך אלס תלמידי רביה"ק זי"ע ההולכים בדרכיו ושיטתו הקדושה, אבער יעדער פון די פאררופענע תלמידים זענען אפגערוקט כרחוק מזרח ממערב, ולא קרב זה אל זה בכלל. עס שטעלט זיך די פראגע: וואס איז דער מעסטער? וויאזוי קען מען באמת וויסן אויב מען האלט זיך בעקבי הצאן?

אויב מעג מען גיין נאך ווייטער: אין דער היינטיגער ליבעראלער וועלט, ווען עס גיסן זיך אריבער הויפנס אומגעוואונטשענע השפעות פון דער פרעמדער גאס וואס פלייצט אריין בחורין וסדקין, במשרים ובעקופין. מען הערט אלע סארט בעלי דרשנים; יעדער מיט א מייק ווערט א הוגה דעות אויף די האקעלסטע יסודות הדת, און ווערט אויסגעהערט דורך זקנים עם נערים מיט א געוואלדיגער התפעלות, איז געביטן געווארן די שנאה צו סאטמאר צו א מער ליבעראלן צוגאנג.

מען פארשלייערט די שנאה מיט שיין-קלינגעדיגע דיבורים: "דער סאטמארער רב איז געווען א גרויסער איד", "סאטמאר האט פאראויסגעזען וואס אסאך גדולים האבן נישט געזען". מען פראוועט יארצייט סעודות אין די ווייטסטע קרייזן, בו בזמן ווען זיי שטייען און שטופן דעם עגל הציוני מיט'ן גרעסטן קאך, כביכול "לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו" חס מלהזכיר. א טייל גייען נאך ווייטער און בו בעת וואס מען פראוועט הילולת הרה"ק מסאטמאר זי"ע, זענען זיי מטיל מום בקדשים דורך פארשרייען די ערליכע אידן און פארשווייגן די גזירות על הדת למחצה ולשליש ולכולו.

## סעודות יומא דהילולא, אבער ספה"ק מונח בקופסא

פראוועט א סעודת הילולא ביומא דהילולא קדישא כ"ו אב אינאיינעם מיט א סיום אויף ספה"ק ויואל משה וואלט טאקע געווען דאס פאסיגסטע און דאס בעסטע. אבער דערווייל זענען פארהאן יארצייט סעודות אין די הונדערטער; אלע סארט קרייזן רעדן פון דעם גדלות פונעם רבין, אבער אסאך ווילן נישט בלויז נישט לערנען דעם רבינ'ס ספרים, נאר אפילו דעם רבי'ן אליין באטיטלען זיי נישט אלס דער מחבר פון דעם "עקסטרעמען" ספר ויואל משה – אפילו דאס איז שוין צו פיל פאר זיי צו פארנעמען. דאן, "למה אתם פוסחים"? פארוואס פראוועט איר א קרבן פסח ביומא דהילולא? "אם 'לבעל' – לכו אחריו!"

דער עיקר ווייטאג איז: מיר פראוועט דאך אויך יארצייט סעודות, אלזא ווער זאגט ווער עס זענען די ריכטיגע ממשיכי דרכו פון רביה"ק זי"ע? "מאי חזית דדמא דידך סמיק טפי?" וואס איז די נקודה הפנימיות פון דער שיטת התבדלות, ווען אלע לערנען היינט אריין אינעם רבינ'ס שיטה אזויפיל קרומקייטן? וויאזוי קען מען וויסן אויב מען איז ממשיך לילך בדרכיו הקדושים בלי שום שינוי?

אין די לעצטע טעג האט מען געהערט פון אזעלכע שרייבערס – פון די וואס פיטערן צענדליגער טויזנטער אידן מידי שבוע בשבוע מיט לייען-מאטעריאל פול מיט "חיבת הארץ", אהבת צה"ל, און שנאה צום יהדות החרדית און אירע מלחמות קעגן די גזירות על הדת – אז זיי האבן לכבוד דעם יארצייט ארויסגעשטעלט אן אפיציעלע מעסעדזש: "הרבי מסאטמאר צודק". ניין, דאס קומט נישט פון דורכלערנען ספה"ק ויואל משה און אנערקענען דעם אמת. דער 'הרבי מסאטמאר צודק' איז א טייל פונעם 80-יעריגן שקר וואס זיי פילעווען; זיי ווילן מיט דער נייער האניג-זיסער שפראך ציען די רעכטע תלמידי וחסידי סאטמאר צו פאלן פאר די שיינע דיבורים.

די אחינו התועים, די פארקראכענע קרייזן שוין זינט 80 יאר צוריק ביים התייסדות המדינה, און אנדערע וואס זענען זיי שפעטער נאכגעקראכן האפנדיג אויף גליקן, און נאך אנדערע וואס זענען גאר לעצטנס פארקראכן – זיי האבן זיך אלע אנגעשטויסן אינעם "כותל", דער וואנט וואס האקט זיי אין פנים. די רשעי ישראל שמייסן זיי אין פנים מיט שרעקליכע גזירות; זיי זענען דא להשמיד כל השמונים אלף בחורי ישראל. מען טרעפט זיך ווייט פארקראכן, אבער מען קען זיך נישט ברענגען אפצושטעלן דעם גאלאפ מיט'ן שקר.

זיי האבן נישט געהערט וואס די אמת'ע גדולי ישראל האבן זיי געווארנט איבער וואס עס גייט פאסירן. עד היום הזה זענען זיי ווייטער ממשיך אין דעם בלינדן וועג. כאטש מ'זעט אז מ'גייט אין דער פינסטער, און יעדע ווילע האקט מען דעם קאפ אין כותל און דער וואנט שלאגט צוריק, קענען זיי אבער נישט אויפהערן קריכן אין פרעמדע וועגן. איי, וואסערע בושות! וואס טוט מען יעצט?

אה... מ'וועט שרייען "ויואל משה אמת ותורתו אמת", אבער נישט טוישן די מיינונג, און זיכער נישט טוישן די פאקטישע מציאות. עס איז פשוט נאבעל און שיין פאר דער גאס צו שרייען "משה אמת ותורתו אמת", אזוי ווי די בני קרח בשעת זיי זינקען אין דער ערד רחמנא לצלן.

אנדערש ווי ביי אסאך קרייזן – און טאקע ביי די בני קרח ווען מען האט געשריגן "משה אמת ותורתו אמת" האט מען געטון דערצו פאקטישע פעולות – רעדן מיר אבער יעצט פון א צווייטן סארט געשריי. ווען דער "משפחה" פרעדיגער שרייט "הרבי מסאטמאר צודק" איז דאס א קול המענה נפש השומעים. "אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה" – דאס גאנצע געשריי פון די וואס טאנצן אויףביידע חתונות איז מיט'ן ציל געגנצליך איבערצושרייבן די די-ען-עי פון די סאטמארער אידן; צו פאלן פאר א ליבעראלן מהלך המחשבה און לויבן ווי שיין און נאבעל זייער מהלך איז. מען קען זיין נאנט אפילו ווען מען איז אזוי ווייט... אדער עכ"פ זאלן ערליכע אידן זאגן "אלו ואלו דברי אלקים חיים", אז ס'איז געווען א מחלוקת צווישן גדולי ישראל און מיר קליינע פשוט'ע אידן טארן נישט נעמען א שטעלונג אין א מחלוקת צווישן גדולי ישראל.

## משפחה ומשפחה; מדינה ומדינה. וזכרו לא יסוף מזרעו!

אבער מען דארף נישט גיין אזוי ווייט ביז'ן "משפחה" מאגאזין, ווען יעדער קען דאס זען ביי די אייגענע משפחה און נאנטע וועלכע פאררופן זיך אלס לוחמי מלחמות ה' און תלמידי רביה"ק זי"ע. עס טוט וויי צו זען ווי מען שטייט אזוי ווייט אפגערוקט אויף אזויפיל יסודות'דיגע נקודות בשם, לשון, ומלבוש. מען כאפט א בליק אין די וועכנטליכע גליונות און אין די נאכאנאנדע דרשות, און מען טרעפט טשטושים אין די שיטה הק', הזנחות אין האקעלע יסודות, און אין דער זעלבער צייט נייע הקפדות און נייע מנהגים – אלעס "במשנתו של מרן רביה"ק זי"ע" שלא שערום אבותינו.

מען האלט שוין היינט 47 יאר זינט דער פטירה. טראכט אריין: א בחור'ל אדער א קינד וואס איז שוין געבוירן אלס דור שלישי אדער דור רביעי – זיין זיידע האט שוין געקענט דעם רבי'ן זי"ע נאר בערוב ימיו – ער טרעפט א נייע וועלט מיט אזויפיל מושגים און אזויפיל קרומקייטן. וויאזוי קען מען מעסטן און וויסן ווער עס איז א תלמיד אמיתי, א רעכטער תלמיד פונעם הייליגן רבין זי"ע אן קיין פשרות און טשטושים? וואס איז די "איין שורה" וואס מען קען לערנען א קינד "למען ידעו דור אחרון", אז ער זאל קענען אליין ציען די ריכטיגע מסקנות אויף ווייטער?

צו קלארער פארשטיין: וואס איז די שפיץ נקודה פון די שיטה הקדושה, הויפטזעכליך כלפי דעם נגע הציונות, אבער נישט בלויז כלפי דעם פרט פון די מלחמה מיט די קליפת הציונות, נאר לגבי יעדן ענין וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אונז מנחיל געווען און ארייגעלייגט

אין זיינע תלמידים? אויב מען קען דאס אראפברענגען צו איין שורה וואס שטרייכט אונטער דעם גאנצן מהלך און די גרונט-פרינציפן פון דעם רבינ'ס הוראות אויף יעדן ענין וענין.

דאס זענען די פייערדיגע דיבורים, דבר ה' אשר היה אל יואל: "וואו קאן מען זאגן אז די פריערדיגע שרפי מעלה האבן חלילה א טעות געהאט?!" אט הינטער די געציילטע ווערטער שטייט אלעס, און דאס איז דער גרויסער מלמד על הכלל כולו. דאס איז דער מפתח פון ספה"ק ויואל משה; מען דארף נישט קיינעמס טובות, דער קלארער וועגווייזער איז "צאו לך בעקבי הצאן".

## כבוד התורה אין בעפארצוג פון כבוד גדולי ישראל!

ביי רביה"ק זי"ע האט נישט געשפילט קיין ראלע דער "כבוד התורה" ווען עס איז געקומען אנצוהאלטן די שטעלונג פון די ראשונים כמלאכים. ביי די בעלי פלוגתא – גרויסע הייליגע אידן – וועלכע איז בשמם פארשפרייט געווארן א "חוב קדוש" צו גיין צו די בחירות, האט דאס אבער דעם רבינ'ס שיטה נישט גערירט קיין כי הוא זה, ווייל עס שטימט נישט מיט וואס מיר האבן געהערט פון די פריערדיגע צדיקים.

ביי רביה"ק זי"ע האט נישט תופס מקום געווען אזא געדאנק פון "למעשה איז יענער א גדול בישראל". אוודאי איז אלעס צוגעגאנגען מיט גרויס זהירות אין כבוד הבריות און כבוד גדולים, אבער דער אמת'ער כבוד התורה איז געווען די תורה הקדושה אליין. דעם רבינ'ס שיטה איז אלעמאל געבליבן איתן כחלמיש, אפגעזען וועלכע גרויסע אדער וויפיל גדולי ישראל בזמנו האבן אנדערש געהאלטן. דער "צאו לך בעקבי הצאן" איז געווען דער איינציגער מכריע אויף יעדן נסיון גדול וקטן.

עס דערמאנט א מעשה פון א איד וואס האט זיך אויף א ביזנעס טריפ געטראפן מיט א צווייטן איד, גאר ווייט פון אונזער מחנה. אינמיטן שמועסן האט יענער ברוב תמימתו ועקמימתו זיך אנגערופן: "סאטמאר רב איז געווען א גרויסער איד; זיין גאנצע מחלוקה מיט הרב קוק איז נישט פאר אונז פשוט'ע אידן אריינצורעדן, ס'איז א מחלוקה צווישן גדולי ישראל..." עפ"ל. אזא פנים טראגן די אלע וואס שרייען "הרבי מסאטמאר צודק" בד בבד מיט'ן באטיטלען די האקעלסטע יסודות האמונה אלס א "מחלוקת גדולי ישראל" וואס מיר האבן נישט קיין רשות להרהר אחריהם.

## והעיקר חסר מן הספ"ר!

עס איז גאר וויכטיג צו באטאנען, אז דער שליסל צו דעם סוקסעס פון אלע שרייבערלעך אין די אויסגאבעס און גליונות – וואס שרייבן אזוי-גערופענע פארשלייערטע מעשיות פונעם רבי'ן און פון עלטערע אידן, מסולסל און אויסגעהוילט פון יעדן זיק אמת מיט הויפענס שקרים און טשטושים – איז ווייל עס פעלט דאס זיך פילעווען אין די ספרים זעלבסט. והעיקר חסר מן הספר. דעריבער טרויען זיך אגענדע-געטריבענע שרייבערס צו בויען א נייע נאראטיוו, פרובירן איבערצושרייבן די הוראות פון גדולי עולם, און פרובירן איבערצושרייבן די היסטאריע פון קורות עם ישראל.

פארשטייט זיך אז מען דארף לערנען די הייליגע ספרים, די צוואה לדורות פון די פריערדיגע צדיקים און די ספרי דבי רב. ווייל אויב ווילט איר וויסן וואס עס איז געווען די מיינונג פון די פריערדיגע צדיקים און איר וועט דאס זוכן אין די וועכנטליכע גליונות, וועט איר אויף א הונדערט פראצענט טרעפן פונקט פארקערטע שטעלונגען אויף יעדן נושא; יעדע הוראה פארדרייט, און יעדע מעשה באפוצט און אוועקגערוקט פונעם יסוד הסיפור.

## הרבי מסאטמאר טעה?

מ'קען זיך נישט פאררופן אלס סאטמארער חסיד און דערקלערן אז 'בכגון דא' האט זיך דער רבי טועה געווען. ביי דעם ענין האט מען געלייגט א פלאקן, און ביי דעם ענין האט דער רבי א טעות געהאט און זיך געלאזט פון די מנהלי המוסד. דעם רבינ'ס יסוד היסודות – "ווי קאן מען זאגן אז פריערדיגע צדיקים האבן א טעות געהאט" – איז א מעסטער אייביג און אלעמאל, א לשון זירוז מיד ולדורות. מיר קענען זיך בלויז פאררופן אלס תלמידים ווען מיר שטימען מיט'ן יסוד נישט אפצוקערן פון וואס עס האבן אונז געלערנט די פריערדיגע ראשונים כמלאכים.

מ'קען בלויז וואקסן און האדעווען פרישע ערליכע המשכת הדורות בעקבי הצאן, אויב דער אופן וסדר הלימודים שטימט מיט דעם וואס די ראשונים כמלאכים האבן אונז מנחיל געווען. אויב איז עס אין איינקלאנג מיט ספה"ק ויואל משה און די הייליגע הוראות פון אבותיו ורבותיו, דער הייליגער דברי חיים זי"ע ומרן החת"ס זי"ע, אז "חדש אסור מן התורה" מיט אלע תירוצים און אמתלאות שונות פון "אויפטון" פאר די היינטיגע דורות. ועוד ועוד. די "עקבי הצאן" איז די איינציגסטע זאך וואס דארף שטימען פאר יעדע הישג און יעדע אויסבעסערונג, גייט דאס בדרכי הראשונים, אדער איז דאס ממש פונקט פארקערט און גאר דירעקט קעגן זייער הוראה.

דער רבי האט אייגנטליך אויסגעלערנט נאך א כלל גדול: בנוסף צו דעם אז די קדושים שרפי מעלה האבן קיין טעות נישט געהאט, האט דער רבי אויך געזאגט אז "לא נשתנו העיתים" – די צייטן האבן זיך נישט געביטן. ס'איז די זעלבע מלחמה, די זעלבע פשרה'לאזע אידישקייט, מיט די זעלבע טאקטיקן קעגן די פיתויי היצר, מיט דרשות והתעוררות אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען מדור דור. די זעלבע ערנסטקייט, די זעלבע הייליגע דיבורים, די הייליגע תורות און דרשות כל כולו קודש. רביה"ק זי"ע האט נישט איינגעזען די געברויך פון נידריגע הרגשים אין שפראך מיט היינטיגע שפריכווערטער אויפצוהייבן דעם יוגנט. מען קעמפט אויפ'ן זעלבן שלאכטפעלד מיט די זעלבע געווער, מיט האפענונג פאר סייעתא דשמיא.

צי איז די מלחמה לה' בעמלק קעגן די רשעי ישראל אין איינקלאנג מיט ווי מען האט דאס געפירט אלע יארן? ניתי ספר ונחזה. לאמיר אריינקוקן אין די ספרי הדורות פון די ביטערע מלחמות וואס דאס יהדות החרדית האט געפירט קעגן די גזירות על הדת. לאמיר עפענען די פייערדיגע דרשות פון רביה"ק זי"ע און הערן דעם קול חוצב להבות אש פון די הייליגע דיבורים, יוצא מפורש מפי כהן גדול. עס איז א קראנטער אופן צו מעסטן יעדע נושא אויב מען גייט אויפ'ן ריכטיגן וועג, און דאס דארף מען קוקן ביי יעדע שערוריה און פולמוס וואס שאפט זיך ארום מחאות און מלחמות אין ארה"ק.

מ'קען זיין א גרויסער רבי, א גרויסער מנהיג, פירן א עדה פון טויזנטער אידן, אבער א סאטמארער איד האט נישט אין זיין לעקסיקאן אז פריערדיגע צדיקים האבן געקענט א טעות האבן! אויב איז פאראן אזא שפראך ערגעץ, דאן איז מען מכובד זיך צו זעצן איבערלערנען דעם רבינ'ס ספרים און איבערצוגיין די שפיץ יסודות פון שיטתו הקדושה והבהירה. ואם ראשונים כבני אדם, אנו כחמורים.

## מסלף דברי צדיקים — מען זאגט אז די צדיקים זעלבסט האבן משנה געווען!

נאך אזא מאמר וואס אנטפלעקט די צבועים און שטעלט זיי אין א אומבאקוועמע פאזיציע, איז דער סדר העולם אז זיי הייבן אן גיין אין דער דירעקציע פון די גדולי עולם זעלבסט דורך פרעגן קשיות אויף זייער הנהגה, און כאילו אזוי אוועקוואשן דעם אמת וואס איז נראה לכל.

"אין לך אלא כהן שבימיך" איז בלויז געזאגט געווארן אויב מען איז זיך נישט סותר מיט די פריערדיגע "כהנים". מען קען נישט איינפירן נייע יסודות בניגוד צו פריערדיגע הוראות און פסקים, ואין בי"ד לבטל דברי בי"ד חבירו אלא אם כן גדול ממנו בחכמה.

עס איז קיין ספק ביי קיין איין ערליכן איד, אז ווען עס זאל ווען זיין א פסק פונעם חתם סופר, אדער פונעם הייליגן דברי חיים, אדער פון סיי וועלכע קדושי ארץ, אז מען טאר נישט מאכן א שולע פאר בנות ישראל, וואלט נישט געווען קיין צל ספק און אפילו נישט קיין פינטל הוא אמינא אז רביה"ק זי"ע וואלט נישט געגרינדעט א "בית רחל" פאר די תלמידות. רביה"ק זי"ע, אלס דער כהן בימינו, האט אוועקגעשטעלט דערמיט א הצלת הדורות מיט א הייליגע פעסטונג פאר טויזנטער תלמידות. א.א.וו. אויף אלע תקנות וגדרים וסייגים וואס מען האט אוועקגעשטעלט להצלת נשמת ישראל ביחודא שלים בשם כל גדולי ישראל.

עס איז נישט דא דער פלאץ אריינצוגיין אין ווייטערדיגע דוגמאות פון נייע הקפדות, וואס זענען ממש דער היפוך פון רצון רביה"ק זי"ע, און עס ווערט גאר פאררופן ע"ש און אלס משאת נפשו פון דעם רבי'ן. עס פאדערט גאר א גרויסע מאס חוצפה און א גרויסן "שמות-טראק" צו קענען גונז זיין די אלע ספרים און אלע שרייבווערק פון התייסדות העיר רבתי קרית יואל, און נאך צענדליגער ביישפילן פון אויפבויען נייע מושגים און נייע באגריפן אוועקצושטעלן א "דור חדש אשר לא ידע את יוסף", מיט סילופים לטהר את הטמאים ולטמא את הטהורים.

## "וואס וואלט דער פעטער געטון אין אזא פאל?"

מען זעט נישט אין ספרי דבי רב א חיוב אז א מנהיג ביי כלל ישראל זאל זיין א בעל רוח הקודש, א בעל מדרגה, אדער זען נשמות פליען. אבער רביה"ק זי"ע האט יא געפאדערט פון גדולי ישראל אין אלע שיחות קודש אז מען זאל זיך נישט אוועקרירן מדרכי הראשונים; מען זאל נאכגיין די אייגענע מסורה פונעם דור הקודם, וואס אלע שטאמען פון צדיקי ארץ יסודתם מהררי קדם, און זענען בלויז אין די לעצטערע יארן זינט הקמת המדינה פארפארן פון זייערע שרשים.

אט טאקע דאס האבן מיר זוכה געווען ביי די הנהגה שפעטער, ווען מרן רבינו הברך משה זי"ע האט ממשיך געווען מיט איין ציל: "אנצוהאלטן דעם פקדון אזוי ווי דער פעטער האט דאס איבערגעגעבן!" ער האט דאס געשטרעבט און געפילעוועט אין אלע מצבים: "וואס וואלט דער פעטער ז"ל געטון אין אזא פאל?" און נישט בלויז איז דאס געווען אין 'דרשות', נאר אויך אין פעולות דורכאויס אלע ז"ך שנים על כסא ממלכתו, און דאס ווייטער איבערגעגעבן לבניו אחריו אז סאטמאר זאל בלייבן סאטמאר.

ואין לנו אלא כהן שבימיך, ווען מרן רבינו שליט"א איז ממשיך אויפן דרך המסורה לבל ניטה ימין ושמאל. ווער עס קען דעם רבינ'ס דרשות, דעם רבינ'ס בליק און הכרעה אויף יעדן נושא, זעט ווי דער יסוד היסודות ווערט ווייטער נמשך אויף א זעלטענעם פארנעם: "די פריערדיגע צדיקים האבן קיין טעות נישט געהאט", וכל המשנה ידו על התחתונה.

תלמידי רביה"ק זי"ע מאז ועד עתה – פון די עלטערע אידן, זקנים, בעלי בתים און אברכים, ביז די בחורי הישיבה און ילדי הת"ת - ווייסן אז אין לנו אלא דברי בן עמרם. מיר ווערן ווייטער נתגדל אויפן זעלבן שורש און אויפן זעלבן סגנון. די קינדער אין תלמוד תורה און די בחורים אין ישיבה קטנה, אלעס וואקסט תלמידים וחסידים פון מרן רביה"ק זי"ע תחת נשיאות קדשו פון ממשיך 'דרכו' בקודש, אז "ראשונים כמלאכים". די שמועסן, די גליונות, און דער גאנצער יסוד המוסדות וואו עס ווערן נתחנך צענדליגער טויזנטער סאטמארער תלמידים, איז אלעס אויפן זעלבן נוסח וואס אונזערע זיידעס זענען נתגדל געווארן על ברכי רביה"ק זי"ע.

מיר דארפן נישט און מיר קענען נישט זיין קלוגער; מיר דארפן נישט און מיר קענען נישט זיין מער רעפינירט; מיר דארפן נישט מאכן בעסער. מיר טוען אין די יעצטיגע ימי הילולא זיך מחזק זיין בעקבי הצאן, לערנען דעם רבינ'ס ספרים, און בלויז פון דארט נעמען אונזערע הוראות.

**"וואו קאן מען זאגן אז פריערדיגע צדיקים האבן א טעות געהאט?!"**

# שטורמישע דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איבער געפארפולע התגרות באומות אין ניו יארק שיקט שאק-כוואליעם אין ריכטונג פון אומפאראנטווארטליכע ווארטזאגער פון יהדות החרדית

ביים דרשה לרגל דעם יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקוה"ט זצוק"ל דעם פארלאפענעם כ"ו אב אין קרית יואל, האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ארויסגערעדט איבער די געפארפולע העצע אין ריכטונג פון דעם ניו יארק סיטי מעיאר זאהראן מאמדאני דורך די ציוניסטישע גאס און זייערע רעליגיעזע נאכפאלגער. ביים טיש זונטאג אווענט אין בית המדרש הגדול קרית יואל, האט דער רבי שליט"א מאריך געווען איבער די ריינע השקפת התורה און די עיקרי האמונה הטהורה וואס דער רבי זי"ע האט געלערנט מיט אונז, און וויאזוי ער האט אוועקגעשטעלט אז מען זאל זיך פירן אין אלע ענינים פון תורה, עבודה וגמילות חסדים, און די וויכטיגקייט פון די הבדלה בין ישראל לעמים.

באזונדער האט דער רבי מאריך געווען אין ענינים העומדים על הפרק, און אויסגעשמועסט דעם דרך התורה וויאזוי אידן דארפן זיך פירן אין גלות און אכט געבן נישט זיך צו רייצן מיט די גוים. דער רבי שליט"א האט מיט צער ארויסגעברענגט דעם גרויסן ווייטאג איבער דעם פאקט אז היימישע אידן און ארגאניזאציעס טרעטן ארויס מיט א פרעכהייט און אומפאראנטווארטליכקייט אנטקעגן דעם ניו יארקער מעיאר, זאגנדיג אז אידן דארפן געדענקן אז מיר זענען אין גלות און זיך אויפפירן לויט דעם אלטן אויסגעטראטענעם וועג צו מקיים זיין וואס ירמיהו הנביא האט אנגעזאגט פאר די אידן "דרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה".

דער רבי האט זיך מתאונן געווען אז עס איז ליידער נישט גענוג דער התגרות באומות וואס ווערט אפגעטון דורך מדינת ישראל און זייערע נאכאנאנדע מלחמות, ווערט דאס ליידער אימפארטירט אויך צו אונז קיין ניו יארק. דער רבי האט אויסגעפירט אז אין דעם העצע זענען שולדיג די צייטונגען און מאגאזינען וועלכע קומען ליידער אן אין די אידישע שטובער, און אז מען דארף זיין געווארנט אריינצוברענגען אין שטוב בלויז ערליכע און אויסגעהאלטענע לייען-מאטעריאל.

די דברים היוצאים מן הלב פון רבינו שליט"א זענען מיט א בליץ-שנעלקייט נתפרסם געווארן אין די אלגעמיינע גאס, וועלכע האבן צום ערשטן מאל געהערט דעם ריינעם דעת תורה האמיתית פון שלומי אמוני ישראל, וועלכע זענען גרייט מקבל צו זיין אויף זיך דעם עול הגלות און זענען נישט אויסן צו באצייכענען יעדן קעגנער אלס אנטיסעמיט.

די דברות קודש זענען פארשטייט זיך אויפגענומען געווארן מיט א גינסטיגן בליק דורכ'ן מעיאר און זיינע סימפאטיקער, אבער אויך די דברי לעג ובלע פון די ציוניסטישע גאס האבן נישט געשפעטיגט צו קומען. די וועלכע טוען מיט זייערע העצערישע רייד אנרייצן די אלגעמיינע גאס אנטקעגן די אידישע באפעלקערונג, האבן זיך ארויסגעלאזט אין א מסע השמצה אנטקעגן כ"ק מרן רבינו שליט"א – עפרא לפומיהו – און דערביי גאר זיך געוואגט צו רעדן אויף דעם מלאך ה' רבינו הקוה"ט זי"ע מיט גאר נידריגע און שמוציגע רייד.

צווישן אנדערע האט דער העצערישער געוועזענער אסעמבלי-פארטרעטער פון בארא פארק פוער פיו געווען קעגן מרן רבינו שליט"א און דעת תורתו הבהירה. דער אקטיוויסט האט ליידער אין לויף פון די יארן שוין סוקסעספול געמאכט אסאך גוים אלס אנטיסעמיטן און שונאי ישראל, און ער גייט אן מיט זיין אומאויפהערליכע התגרות באומות רחמנא ליצלן.



News · U.S. News

'Shame, shame, shame' on Satmar leader for saying it's Torah violation to criticize Mamdani, experts say

"They've done a lot of radical crazy stuff, but this goes beyond the pale," Dov Hikind, a former New York state Assembly member, told JNS.

Satmar Rebbe Condemns Protests Against NYC Mayor Mamdani, Calls Them 'Provocation Against the Nations'

Williamsburg Satmar Rebbe Criticizes Attacks on Mamdani, Urges Jews to Avoid 'Provocation'

הרבי מסאטמר נגד ההתקפות על ממדאני: "לסמן אותו כאנטישמי - זו התגרות באומות"

האדמו"ר מהרי"י מסאטמר יצא בחריפות נגד המתקפות על ראש עיריית ניו יורק | במשא ההילולא בקריית יואל מורנו הזהיר מפני יצירת מתיחות עם הממשל | "יהודים שומרי תורה צריכים לנהוג על פי דרכי תורה ולקבל את גזירת הגלות" | האזינו לדברים

הרבי מסאטמר נגד ההתקפות על ממדאני: "לסמן אותו כאנטישמי - זו התגרות באומות"

האדמו"ר מהרי"י מסאטמר יצא בחריפות נגד המתקפות על ראש עיריית ניו יורק | במשא ההילולא בקריית יואל מורנו הזהיר מפני יצירת מתיחות עם הממשל | "יהודים שומרי תורה צריכים לנהוג על פי דרכי תורה ולקבל את גזירת הגלות" | האזינו לדברים

Satmar Rebbe Warns Against "Incitement" Against NYC Mayor Mamdani, Invokes Exile Theology

Rabbi Zalman Leib Teitelbaum condemns attacks on Mayor Zohran Mamdani as provocation against the nations, drawing backlash from other Jewish leaders.

Satmar Rebbe Condemns Incitement Against Mamdani, Urges Torah-Based Approach to Galus

Accusations After Rabbi Zalman Leib Teitelbaum's Warning Against Vilifying Political Opponents

האדמו"ר שמגן על ממדאני: "התגרות - מסמנים אותו כאנטישמי"

האדמו"ר מסאטמר וויליאמסבורג יצא אמש בטיש המרכזי בניו יורק נגד המחאות של יהודים חרדים על ראש עיריית ניו יורק • בניגוד לרוב הקהילה היהודית, חסידות סאטמר אירחה את ממדאני ואף חלקים ממנה תמכו בו בבחירות

'Dangerous provocation': Satmar Rebbe sticks up for Mamdani

Satmar Grand Rebbe Rabbi Zalman Leib Teitelbaum condemned efforts to brand Zohran Mamdani an antisemite, warning they could provoke hostility.

EXPLOSIVE PROTEST: Satmar Rebbe Of Williamsburg Condemns Incitement Against Mayor Mamdani

הטהורה פון רביה"ק בעל ההילולא זי"ע און אָנגעוויזן וויאַזוי מיר דאַרפן ממשיך זיין די הייליגע ירושה פונעם רבי'ן וואָס האָט באַליכטן אונזער דור בקיום התורה והיהדות נאָכ'ן ביטערן חורבן, זיך האַלטן און קלאַמערן בדרכיו הקדושים לידע את המעשה אשר יעשון, אויספירנדיג מיט ברכות לרוב צו פועל'ן אין דעם טאָג כל מיני ישועות ורפואות.

די ווערטער פונעם רבי'ן שליט"א האָבן אַריינגעבלאָזן אַ 'טל של תחיה' אין די הערצער פון די אלפי ישראל. עס האָט געוויזן וויאַזוי דער רועה ישראל איז אַזויפיל עוסק מ'זאָל ווייטער זיך האַלטן בעקבי הצאן - צו די הייליגע מסורה, פרישות, און וואַרימקייט למען כבוד שמו יתברך וואָס דער רבי זי"ע האָט אונז געלערנט.

דער ריזיגער ציבור לאלפים איז אַוועק פון דער סעודת הילולא מיט געהויבענע געמיטער, מיט טיפע געפילן פון הודי' צו הקב"ה, וואָס קומט צום אויסדרוק דייקא אין טאָג פון דער הילולא קדישא, ווען מ'איבערצייגט זיך פון פריש אַז ב"ה לא אלמן ישראל, עס געפינט זיך נאָך אַ ריזיגער ציבור ערליכע אידן וועלכע גייען און קלאַמערן זיך אין דעם דרך פון מרן רביה"ק זי"ע, בלי שום שינוי כל דהו.

עס האָט זיך געשפירט אין דער לופטן די נצחיות'דיגע כח הקדושה פון דעם צדיק הדורות רבינו הקוה"ט זי"ע, וואָס נאָך אַזויפיל יאָר זינט זיין פטירה קלאַמערט זיך די עדה הק' צו זיין הייליגע ירושה, ווי יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א חזר'ט מיט אונז כסדר די זעלבע דיבורים און לייגט אַריין אַלע כוחות מען זאָל ווייטער ממשיך זיין אַלעס וואָס דער רבי האָט מיט אונז געלערנט, ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל.

זכותו הגדול פון דעם בעל ההילולא כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה זאָלביישטיין פאַר אַלע אידן וואָס זענען נמנה בין שלומי אמוני ישראל און זענען דבוק לאור תורתו הק', ויה"ר שיתקבל תפלתינו לרחמים ולרצון לפני שומע תפלת כל פה, און דער גאַנצער כלל ישראל זאָל האָבן גע'פועל'ט אין די יומא דהילולא קדישא אַלע השפעות טובות וברכות וישועות בכלל ובפרט, ובפרט זאָל זכותו הבהיר מגין זיין אויף ממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אשר עוד רבות בשנים ינהל עדתינו הק' על מי מנוחות עמו"ש.

**תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, ימליץ טוב בעדנו.**

# היסטאָרישע $80,000 חלוקה און דערהויבענע יארצייט־סעודה פאר איבער 50 גבאי קופת חינוך הטהור - קרן ישכר בער

בעצם יומא דהילולא קדישא פון רבינו הק' זי"ע, איז אפגעהאלטן געווארן א דערהויבענער און אינהאלטסרייכער מעמד פאר די איבער 50 געטרייע גבאי "קופת חינוך הטהור - קרן ישכר בער", אינאיינעם מיט א היסטארישער חלוקה פון $80,000 פאר די מנהלי המוסדות על טהרת הקודש, צו העלפן אויסצאלן די מנהלים ביז חודש אב.

די באדייטנדע חלוקה איז צושטאנד געקומען דוקא דורך דער געוואלדיגער מסירת נפש און ווארימקייט פון די הונדערטער נדבנים פונעם קופה, ווען אינגעלייט האבן זיך אנגערופן מיט עקסטערע נדבות – אויסער זייער געוועגליכע חודש'ליכע השתתפות – מיט סכומים פון קלענערע נדבות ביז ארויף צו $1,000. צו דעם איז צוגעקומען א ספעציעלער "מעטשינג" פון א חשוב'ן נדבן, וועלכער האט צוזאמגעשטעלט פון גרעסערע סכומים דעם איבריגן טייל, און דערמיט ערמעגליכט אז די גאנצע חלוקה זאל דערגרייכן דעם הערליכן סכום פון אכציג טויזנט דאלאר.

די חלוקה בעצם יום ההילולא האט געגעבן א באזונדערן חיזוק פאר די מנהלים, וועלכע שלעפן דעם שווערן עול פון אויפהאלטן די מוסדות וואס זענען עומד בעוז ובגאון על טהרת הקודש, און האט נאכאמאל ארויסגעברענגט דעם כח פון ציבור אנ"ש וועלכע ווילן האבן א חלק אין ממשיך זיין די הייליגע שאיפה פון רבינו הק' זי"ע.

אין דער זעלבער צייט איז פארגעקומען א שיינע סעודת הילולא ואסיפת חיזוק פאר די איבער 50 גבאי הקופה, וועלכע שטייען במשך דעם גאנצן יאר אין שפיץ פון די פעולות, צוזאמנעמענדיג די חודש'ליכע נדבות און פארברייטערנדיג דעם קרייז פון מחזיקי חינוך הטהור.

דער מעמד איז פארגעקומען אום 2:00 נאכמיטאג אינעם פראכטפולן זאל פון גארפילד מענאר, וועלכער איז נתנדב געווארן בנדבת לבו הטוב פון הרה"ח ר' זלמן לייב וויינשטאק שליט"א לעילוי נשמת רבינו הק' זי"ע. א רייכע סעודת הילולא איז צוגעשטעלט געווארן בנדבת הרבני הנגיד ר' חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו, לעילוי נשמת רבינו הק' זי"ע און לעילוי נשמת אביו ר' נחמי' צבי בן חיים אברהם ז"ל.

אלס יושב ראש המעמד האט געדינט האברך החשוב ר' יקותיאל יצחק שישא הי"ו, וועלכער האט מיט פאסיגע ווערטער געעפנט דעם מסיבה און פארבונדן די עבודת הקופה מיטן הייליגן טאג פון די יומא דהילולא. דערנאך האט אויפגעטרעטן דער מנהל הקופה הרה"ג ר' אלימלך ישי בערקאוויטש שליט"א, וועלכער שטייט בראש די פעולות הקופה, און האט אויסגעדרוקט טיפע רגשי הכרת הטוב פאר אלע חשוב'ע גבאים וואס געבן זיך אוועק בלב ונפש במשך דעם גאנצן יאר. אין זיינע ווערטער האט ער זיך עקסטער ווארעם באדאנקט פאר הרה"ג ר' שבתי קאהן שליט"א, וועלכער שטייט כסדר צום האנט פון דער קופה און גיט זיך אוועק פאר אירע פעולות מיט א געטריישאפט און מסירות.

א באזונדערער הויכפונקט פונעם מעמד איז געווען ווען מען האט מכבד געווען הרה"ח ר' שמשון שלמה שאלמאן שליט"א, מתלמידי רבינו הק' זי"ע און פון די 'אונטערזאגערס' ביים רבי'נס פארהער, וועלכער האט מיט גרויס התרגשות צוריקגעברענגט זכרונות פון יענע געהויבענע יארן. ר' שמשון שלמה האט אראפגעלייגט לעבעדיגע זכרונות וויאזוי עס האט אויסגעזען א פארהער ביים רבי'ן זי"ע, און וויאזוי מען האט געזען ביים רבי'ן דעם סדר און די געוואלדיגע אחריות ווען עס איז געקומען צו עניני געלט און צדקה. די ווערטער פון א איד, וועלכער האט אליינס געהאט די זכי' צו שטיין נאנט צום רבי'ן, האבן שטארק באריר׳ט דעם גאנצן ציבור.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אשר זעליג פריינד שליט"א, וועלכער האט דערציילט הערליכע סיפורים ועובדות פון רבינו הק' זי"ע און ארויסגעברענגט אז יעדער גבאי דארף זיך אנקוקן נישט בלויז ווי איינער וואס זאמלט געלט פאר א קופה, נאר ווי א שליח פאר דעם הייליגן ציל וואס רבינו הק' זי"ע האט אויפגעשטעלט און פאר וועלכן ער האט זיך מוסר נפש געווען. דער עצם זכי' צו קענען דינען אלס גבאי פאר חינוך הטהור איז א שררה און א שליחות וואס דער רבי האט איבערגעלאזט פאר די שפעטערדיגע דורות.

מיט באזונדערן אינטערעס האט דער ציבור אויסגעהערט די ווערטער פון הרה"ג ר' יעקב מרדכי גאלדמאן שליט"א, אב"ד "וישב הים" ומנהל ת"ת באידיש - טאחוב'ער חדר אין צפת, וועלכער האט געשילדערט פון דער נאענט וואס די שטיצע פון דער קופה מיינט פאר די מנהלי המוסדות אין ארץ ישראל. אין זיינע ווערטער האט ער דערמאנט דעם באקאנטן ענין וואס רבינו הק' זי"ע האט געזאגט, אז ווען משיח וועט קומען וועט מען קענען ארויסגיין אנטקעגן אים בזכות חינוך הטהור. בדרך צחות האט ער דערויף צוגעגעבן, אז אזוי ווי ביי יעדן גרויסן מעמד דארף מען האבן "פראטעקציע" צו קענען שטיין נאנט, אזוי קען מען זאגן אז די וועלכע האבן א חלק אין שטיצן און אויפהאלטן חינוך הטהור וועלן האבן די אמת'ע זכי' צו קענען גיין פריער און נענטער אנטקעגן משיח צדקנו.

די ווערטער זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס התרגשות און האבן איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויף די גבאים, וועלכע האבן אין דעם געזען א פרישן חיזוק איבער דער גרויסקייט פון זייער טעגליכע און חודש'ליכע עבודה. צום שלוס פונעם מעמד איז הרה"ג ר' שבתי קאהן שליט"א מכובד געווארן מיט ברכת המזון.

אלס צייכן פון הכרת הטוב איז פאר יעדן פון די גבאים פארטיילט געווארן א שיינע מתנה, דער נייער הערליכער ספר מיט פרישע 60 תורות פונעם רבין זי"ע, מרשימות הרה"ג ר' נחמי' צבי ראזענפעלד ז"ל, וואס איז נאר לעצטנס ארויסגעקומען דורך בנו הרבני הנכבד ר' חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו.

נאך א לענגערע צייט פון שבת אחים גם יחד, הערנדיג דברי חיזוק, זכרונות און סיפורי קודש פון רבינו זי"ע, האבן זיך די איבער 50 גבאים צושפרייט מיט הויפענעס חיזוק און מיט א פרישן אנטשלאס ווייטער אנצוגיין ביתר שאת ועוז מיט די הייליגע ארבעט לטובת די מוסדות על טהרת הקודש.

דער היסטארישער $80,000 חלוקה בעצם יומא דהילולא, צוזאמען מיט דער ווארעמער אסיפת הגבאים, האט ווידעראמאל ארויסגעברענגט אז "משאות נפשו הטהורה" פון רבינו הק' זי"ע איז קאי וקיים – עס ברענט נאך דאס פייער אין די מנהלים וואס שטייען על המשמר, אין די גבאים וואס געבן זיך אוועק חודש נאך חודש, און אין די אידן וועלכע עפענען זייער הארץ און זייער האנט צו פארזיכערן דעם המשך פון חינוך הטהור לדורות.

## מעמד סיום שולחן ערוך אורח חיים ח"א דורך הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א דומ"ץ בית המדרש בית יעקב נחמי'

פארלאפענעם דינסטאג איז אפגעהאלטן געווארן א שיינער און דערהויבענער מעמד סיום שו"ע אורח חיים חלק א', במסגרת דעם טעגליכן "זכרו" שיעור הלכה, וועלכער ווערט איבערגעגעבן שיעורין כסדרן דורך הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א, דומ"ץ בית המדרש בית יעקב נחמי'. דער סיום האט אפגעצייכנט א באדייטנדן שטאפל אין דעם קביעות'דיגן סדר הלימוד, ווען די משתתפי השיעור האבן זוכה געווען צו פארענדיגן דעם ערשטן חלק פון שולחן ערוך אורח חיים, נאך א לענגערע תקופה פון טעגליכן לימוד בעיון ובהתמדה.

דעם מעמד איז באשיינט געווארן מיט דער השתתפות פון הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א, וועלכער האט מיט זיין אנוועזנהייט צוגעגעבן א באזונדערן כבוד און חיזוק פאר די לומדי השיעור, ווי אויך דער פאטער פונעם דיין, הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א, דומ"ץ בית המדרש בית מאיר. די השתתפות פון די חשוב'ע רבנים האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון א קביעות עתים לתורה און בפרט פון א טעגליכן סדר אין לימוד הלכה למעשה.

ביים מעמד איז ארויסגעברענגט געווארן דער גרויסער סיפוק פון די לומדים, וועלכע האבן מיט א פעסטן קביעות מיטגעהאלטן דעם שיעור טאג נאך טאג און איצט דערגרייכט דעם פריידיגן סיום. די משתתפים האבן זיך מחזק געווען ווייטער אנצוגיין ביתר שאת מיט דעם סדר הלימוד, כדי צו קענען ווייטער קונה זיין נאך חלקים אין שולחן ערוך און פארמערן ידיעת התורה והלכה מתוך התמדה וקביעות.





ויריצוהו את יוסף מן הבור!

# שמחה עצומה מיט'ן באפרייאונג פונעם מקדש שם שמים, הרה"ג רבי יוסף פרידמאן שליט"א, נאכ'ן זיצן כמעט 2 חדשים אין תפיסה

## בר מצוה פון זיין טייערן זון פארגעקומען מיט גרויס פייערליכקייט ברוב פאר והדר - דער ציבור איז ווייטער מתפלל אויפן גענצליכן באפרייאונג פון רבי יוסף שליט"א

ברוך מתיר אסורים! שוין א לענגערע צייט וואס מען קוקט ארויס מיט אנגסט און שפאנונג אויפ'ן דאטום פון מאנטאג פרשת ראה, דער טאג וואס עס האט געזאלט פארקומען דער דיון אויף הר"ר יוסף שליט"א. ווען דער שופט האט אין די פארמיטאג שעה'ן געאורטיילט אז ר' יוסף קען ארויסגיין, איז עס מיטגעקומען מיט א תנאי אז די פאליציי קען אריינגעבן אן אפיעל ביז עטליכע שעה. אבער ווען די פאליציי האט נישט אפעלירט דעם פסק, איז דער אסיר ציון ענדליך ארויסגעלאזט געווארן אויף בעיל און אויף ערבות פון 'ועד אסירי ציון', לשמחת לב היהדות החרדית וכל משפחתו.

דער אסיר ציון איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס שמחה און פרייד, מיט שירים וריקודים, און מיט א מלכות'דיגע אויפנאמע אויף א רויטן טעפיך כראוי וכיאות למקדשי שם שמים. אבער דער ציבור פארגעסט נישט פון די פילע קלאגעס און עלילות שוא וואס די פאליציי האט ארויפגעלייגט אויף ר' יוסף אלס נקמה אויף די מחאה ביי די פאליציי סטאנציע אין בית שמש, וואס זוכנדיג א קרבן ציבור האבן זיי גענומען ר' יוסף'ן אלס א ציל, און דער ציבור איז מרבה בתפילה ותחנונים צום בוכ"ע שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

*

ווי טיילווייז באריכטעט פארלאפענע וואך, איז די פראכטפולע סעודת הבר מצוה פארגעקומען בתוככי העיר בית שמש, וואו עס איז צוגעגרייט געווארן א ברייטע סעודה ביד רחבה וברוח נדיבה, באגלייט מיט מוזיק און נאך, ארויסצוהייבן דעם כבוד ויקר וואס מען טוט פאר א בחור'ל וואס זיין טאטע זיצט אין תפיסה פאר כבוד שמים.

גרויסע חלקים פון די בר מצוה איז באצאלט געווארן דורך אחב"י פון אמעריקע, ובתוכם ילדי תשב"ר וואס האבן געשיקט פערזענליכע וואונטשן פאר'ן חשוב'ן בחור הבר מצוה. פון ת"ת תו"י בני יואל ד'סאטמאר איז געשיקט געווארן א הערליכער סעט ש"ס, בנוסף צו א זכות עצום פון די בר מצוה וואס איז אפגעקויפט געווארן דורך די תלמידי המוסד. תלמידי ת"ת דברי חיים קרית יואל האבן געשיקט א סעט דברי יואל על המועדים, און נאך הערליכע מתנות דורך אידן סיי פון ארץ ישראל און סיי פון אמעריקע. במשך די גאנצע שמחה האט זיך אדורכגעדרייט א ריזן ציבור, ספעציעל ווען מען האט געהערט אז עס איז ב"ה געלונגען - נאכ'ן איינלייגן ריזיגע געלטער דורכ'ן ועד אסירי ציון - צו האבן דעם טאטן הר"ר יוסף שליט"א ביי די בר מצוה.

די סעודת הבר מצוה האט געדינט ווי א קוואל פון חיזוק פאר אלע מוחים למען כבוד שמו יתברך, אז מ'איז נישט אליין; כלל ישראל בארץ ובגולה שטייט אונטער אייך, וכחלק היוצא למלחמה כחלק היושב על הכלים. אידן אין אמעריקע נעמען א טייל, שמחים בשמחתם ומצרים בצרתם, און ווי שוין דערמאנט איז מען מעתיר בתפילה ובתחנונים אז ר' יוסף שליט"א זאל פרייגעשפראכן ווערן פון אלע קלאגעס בתוך שאר שבויי ישראל עד שנזכה לביגו"צ בב"א.









## טעגליכער איבערבליק
### איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### מיטוואך עקב

קהל תורה ויראה האט זיך פארזאמלט צו א מעמד קבלת פנים אין ביהמ"ד תו"י בעיה"ק בית שמש ת"ו, בראשות די מנהיגי הקהילה. במקום מכובד זענען געזעסן די 4 אסירי סאלבערג מחברי הקהילה, ארבעה צריכים להודות. א גאר התרגשות'דיגע מינוט איז געווען ווען ס'איז געשאנקען געווארן א מתנה נכבדה בשם אלע חברי הקהילה, א סכום נכבד פאר די 4 אסירים, וואס איז געקומען מתרומתם החשובה פון די חשוב'ע אידן מוסרי הנפש חברי הקהילה וואס האבן אוועקגעגעבן דאס ביסן פון מויל צו מוקיר זיין די זכיה פון זיין ארעסטירט למען כבוד שמו יתברך.

■

אין קהל חסידי ירושלים איז פארגעקומען א מעמד קבלת פנים בראשות כ"ק מרן אדמו"ר מקהל חסידי ירושלים שליט"א, ביים עריכת השולחן לרגל חמשה עשר באב. דער רבי שליט"א האט ארויסגעהויבן ביי די דב"ק די מסינ"פ פון די אסירי סאלבערג מחברי הקהילה, און דערנאך האט מען געזונגען און געטאנצן. יחדיו ירננו.

■

איבער דעם 'חוק הקפאת המעצרים' נישט צו ארעסטירן די קומענדיגע דריי חדשים ביז נאך די בחירות, גיבט דער בג"ץ ארויס דעם פסק אז ביז עס וועט ענדגילטיג ארויסקומען דער פסק איז דאס נאך נישט קיין געזעץ, און... מען קען ווייטער רואיג ארעסטירן.

## משמרת חומותינו

אבער דער מהלך האמיתי פון די לוחמי מלחמת ה' וואס באקעמפן די גזירות על הדת פון אינדרויסן בלי שום התחברות, ה"ה 'צבע שחור', ווארט נישט אויף קיין חוקים און קיין בחירות, נאר האלט אף די ארעסטן בפועל בס"ד. און זינט די אסירי סאלבערג מיט די דראמאטישע מחאה וואו די בגדים זענען צעריסן און צעפליקט געווארן, איז די צאל ארעסטן ב"ה דראסטיש אראפ, כן יעזור ה' להלאה.

■

א קבלת פנים אין רמה ג' אין בית שמש פאר אן אסיר גיוס, שלמה זלמן שלאמאוויטש, דורך די חשוב'ע ארגאניזאציע "נותנים גב", נאכ'ן זיצן אין די מיליטערישע תפיסה. מען האט מלכות'דיג אריבערגעפירט דעם אסיר אויף א רויטן טעפיך לאות הוקרה וכבוד.

■

א מודעה מטעם די 'חשמונאים/מתיוונים' בריגאדע מיט פאלשע הסתה והדחה. חוץ דעם וואס זיי טענה'ן אז מ'קען בלייבן פרום דארט און מ'לערנט פלייסיג, לייגן זיי אצינד צו, נישט מער און נישט ווייניגער, אז מ'לערנט 'הלכות שבת' בהתמדה רבה. און דער מפקד וואס דארף שטיין בראש חבורת הל' שבת איז אזוי פרום, אז אין זיינע יונגע יארן האט ער גאר געכאפט אן עונש פאר'ן רעדן עברית... און ער וויל פשוט בלייבן ביים לערנען, ממילא טוט ער דאס אין 'חשמונאים'.

און ווידעראמאל פרעגט זיך די קשיא: מיליטער האט מען דאך געמאכט פאר די וועלכע קענען 'נישט לערנען', אויב אזוי, וואס א הלכות שבת אין קאפ אריין???

■

א משמורת מחאה איז פארגעקומען ביום ג' עקב, ווען דער ראש ממשלת הכופרים שר"י איז געווען בעיה"ב וואשינגטאן, וואו מ'איז זיך צוזאמענגעקומען א קליבענע צאל מוחים אויסצושרייען אונזער מחאה אויפ'ן ביטערן רדיפת הדת בארה"ק. בהשגחה פרטית איז עס געלונגען צו שטיין גאר נאנט צו די מאטארקאדע פונעם פרעמיער זעלבסט, און מ'האט פארנט פון די וועלט'ס פרעסע אויסגעשריגן די מחאת יהדות החרדית בארה"ב.

■

מעמד קבלת פנים אין קהל חרדים-בית שמש פאר האברך החשוב הר"ר שלמה זלמן אנשין שליט"א, מאסירי סאלבערג, וואו מ'האט זיך פארזאמלט לכבודו פונעם אסיר ציון. אלע חברי הקהילה ומתפללי בית המדרש האבן אויסגעהערט די דברי הערכה וקבלת פנים, און זיך א לענגערע צייט משמח געווען בשמחתו פונעם בעל שמחה פאר'ן זכות הגדול לקדש שם שמים.

■

## דאנערשטאג עקב

א מעמד נהדר דורך 'קופת מלבוש ישע' איז פארגעקומען חמשה עשר באב אין ביהמ"ד תולדות אברהם יצחק, וואו מען האט פארטיילט די מכובד'יגע חלוקה פאר די חתנים גבורי חיל. מיט דרשות האבן אויפגעטרעטן הגה"צ האב"ד תוא"י בי"ש שליט"א, בנו של כ"ק מרן אדמו"ר מתוא"י שליט"א; הגה"צ ר' נפתלי צבי ראטענבערג שליט"א, אבד"ק קאסאן בי"ש וחדב"ן כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מתו"א זצוק"ל, און אזוי אויך נאך חשוב'ע בעלי דרשנים וואס האבן ארויסגעהויבן די חתנים בעלי מסינ"פ וואס גייען בראש המחנה ווי דער עמוד הענן ועליהם חונים.





■

הבחור כמר שמואל פינטער ני"ו, מתלמידי ישיבת בעלזא-מחנובקא ונכד לבית צאנז-קלויזענבורג, איז ענדליך באפרייט געווארן פון תפיסה. א קבוצה פון תלמידי ישיבת בעלזא-מחנובקא האבן אפגעווארט אינדרויסן צו מקבל פנים זיין דעם בחור.

■

ח"כ המינים מר. פינדרוס פון דגל, האט זיך געלאזט הערן מיט גאר שארפע קאמענטארן קעגן די מחאות והפגנות דורך די ערליכע אידן, זאגנדיג: "מען דארף זיך באנוצן מיט הייס געווער אנטקעגן די מוחים וואס פארשפארן די גאסן." און דאס איז נישט געווען קיין איינמאליגע פליטת פה, נאר א שטיק צייט שפעטער האט ער עס ווידעראמאל איבערגעחזר'ט, צולייגנדיג: "אויב עס וועט אזוי אנגיין, וועלן נאך מיינע קינדער זאגן אין צען יאר ארום אז די הפגנות זענען א לעגיטימע זאך." ווער איז אקעגן די הפגנות? די פרייע ציונים אדער די פרומע נאכשלעפער?

■

## ערש"ק עקב

ערב שבת קודש יום חמדתו! קרן ויואל

# ווען דער עסקן פון "קרן ויואל משה" האט געדארפט ווארטן 4½ שעה אינדרויסן פון תפיסה

אן אכזריות'דיגער אינצידענט שפילט זיך אפ אין תפיסה נומ' 10: א בחור וואס האט באקומען 15 טעג תפיסה, ליידט ל"ע אויף א צעבראכענע פוס מיט א גיפס דערויף, און מען האט פשוט און גראד נישט אריינגעלאזט זיינע ספעציעלע קראטשעס ער זאל זיך קענען באנוצן דערמיט.

די משפחה האט ממש געטאפט א וואנט, ביז זיי האבן זיך געמאלדן צו די ריכטיגע עסקנים אינערהאלב די בארימטע אפיסעס פון "קרן ויואל משה - הצלה מגיוס". דאנערשטאג עקב איז אן עסקן פון קרן ויואל משה פערזענליך אראפגעפארן אין תפיסה מיט די קראטשעס, אבער מען האט אים געלאזט ווארטן איבער פיר און א האלב שעה, כאילו ער וואלט געברענגט לוקסוריעזע ארטיקלען. שומו שמים על זאת!

משה - הצלה מגיוס איז מפרסם די וועכנטליכע ליסטע מיט די צענדליגער ארעסטירטע אין מיליטערישע תפיסה להעתיר בעדם שיצאו במהרה מאפילה לאורה. עס קוקט עפעס אויס ווי דער חוק 'הקפאת' המעצרים האט אויפגעטאן צו האלטן איינגעפרוירן די איינגעשפארטע אין תפיסה ח"ו. כלל ישראל איז מרבה בתפילה ובתחנונים עליהם ועל כל בית ישראל.

■

מחאות השבת לא תדום! פילע מחאות למען קדושת השבת אין פילע שטעט איבערן לאנד, אריינגערעכנט ירושלים עיה"ק, מירון, צפת און בני ברק. די וואך האט מען ספעציעל מוחה געווען למען שבת קדשינו בעיר אלעד, וואו עס קומט פאר חילולי שבת אויף רחוב רבי יוחנן בן זכאי. די מחאה איז פארגעקומען בראשות רבני העיר שליט"א.

■

'פינה חמה לעריקים'. דער טישל מיט ווארימע מאכלים בחינם פאר די עריקים איז דעם פארלאפענעם ליל שישי געווען אין מירון, וואו עס ווייל'ן פילע בחורים אין ליכט פונעם 'בין הזמנים' סעזאן אין פילע ישיבות ברחבי הארץ. דער טישל פון די עריקים האט אויך געדינט אלס א צענטער צו קענען איינהאנדלען די נייע "אשריך" קארטלעך פון 'אחים אנחנו', מיט וועלכע מען קען געניסן פון פילע הנחות אויסשליסליך פאר עריקים.

■

## זונטאג ראה

א מחאה נמרצת פון בלויז איין שעה דורך די "אנשי חיל בריגאדע ירושלים". "אנשי חיל" איז א ספעציעלע גרופע פון פילצאליגע יונגעלייט אין אלע שטעט וואס גייען ארויס מוחה זיין אויף יעדן ארעסטירטן באזונדער אויף מחאות פון בלויז איין שעה וכדו'. די גאנצע מחאה ביי סאלבערג איז געווען פון "אנשי חיל - בית שמש". און געוויס דאס וויל מען עררייכן: קליינע, קביעות'דיגע מחאות.

די מחאה אין ירושלים איז געווען אויף ארעסטירטע בחורים אין תפיסה וואס האבן ליידער נישט קיין קהילה אדער חסידות וואס זאל זיך פאר זיי אננעמען, ממילא פאלן זיי אריין אין די קהילה וואס רופט זיך "כלל ישראל" און אין חסידות "בני אברהם אבינו". און ווער עס איז א מעמבער אין כלל ישראל, קומט מוחה זיין! כה לחי לקדש שם שמים!





■

אזוי אויך זענען פארגעקומען מעמדי קבלת פנים אין פילע ערטער פאר באפרייטע בחורים. אין בני ברק האט 'אחים אנחנו' צוגעשטעלט א פראכטפולע קבלת פנים פארן צאנז-קלויזנבורגער בחור מיט א שיינע לימוזין, גענוי ווי מען טוט שוין די לעצטע פאר יאר פאר יעדן אסיר ציון. מען האט געהאלטן פאקלען, געזינגען

## משמרת חומותינו

און געטאנצן ביזן ביהמ"ד זידיטשוב, העומדת בנשיאות כ"ק אדמו"ר מזידיטשוב שליט"א, א זיידע פונעם בחור.

עקסטער האט מען אין קרית צאנז - נתני' מקבל פנים געווען דעם בחור מיט שירים וריקודים בתוף ובמחול, ווען די מציאות האט געשריגן: יא! מען האט יא ארעסטירט א חסידישן בחור! און 'אחים אנחנו' אינאיינעם מיט 'קרן ויואל משה' העלפן אים ארויס, נישט די חברי הכנסת!

אזוי אויך איז פארגעקומען א הערליכע קבלת פנים ערש"ק פארן בחור נתן דרעי ווען ער איז ארויס פון תפיסה, וואו 'אחים אנחנו' האט צוגעשטעלט א מעמד כראוי וכיאות פארן מקדש שם שמים.





## מאנטאג ראה

עס קומט פאר א דיון איבערן אמעריקאנער בחור אברהם יצחק בן ברכה בריינדל, וואס זיצט שוין א לענגערע צייט אויף עלילות שוא זינט א מחאה ביי בר אילן. דער שופט האט געפסק'נט צו פארלענגערן זיין ארעסט ביז ער וועט זיך אראפזעצן אין די קומענדיגע טעג און שרייבן א פסק צי ער באפרייט אים אדער ח"ו ער וועט דארפן בלייבן זיצן עד תום ההליכים היל"ת. העתירו בעדו.

זונטאג ראה זענען די געטרייע חברים ארויסגעפארן קיין מירון, צו מתפלל זיין ביים ציון התנא אלוקי רשב"י שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים. כלל ישראל איז מרבה בתפילה ובתחנונים פאר הבחור אברהם יצחק בן ברכה בריינדל שיצא במהרה מאפילה לאורה.

ברוב חסדי שמים איז געלונגען פארן ועד אסירי ציון, וועלכע באגלייט דעם קעיס מיט גרויס איבערגעגעבנקייט, צו ערלעדיגן אז מ'זאל אים אריבערפירן קיין 'כלא ניצן', וואו עס איז פארהאן א ספעציעלע אפטיילונג פאר פרומע אידן מיט א ביהמ"ד וואו מ'קען זיצן און לערנען א גאנצן טאג און אום שב"ק.

■

מחאה אדירה ועצומה! דעם מאנטאג ראה איז ממש געשאפן געווארן היסטאריע, ווען 'אחים אנחנו' האט אהערגעשטעלט א מאסיווע מחאה אין דעם שטילן שטעטל קוממיות, קעגן א גייס וואס האט שוין ליידער ארייגעכאפט אומצאליגע נשמות ישראל אין די נעצן פון 'קדקוד\מעלות צור'.

עס זענען געקומען צופארן באסעס פון ירושלים, בית שמש און מודיעין עילית. אויפן פלאץ האבן אויפגעטרעטן מיט דרשות הרבנים הגאונים שליט"א: הרה"ג רבי מאיר העללער, הרה"ג רבי אהרן וואזנער, הרה"ג רבי פנחס שוב, און דער יו"ר המעמד העסקן הנודע הרה"ג רבי יעקב דאווידאוויטש שליט"א.





נאך די דרשות איז דער ציבור, טראץ די מאסיווע פאליצייאישע בלאקאדע, אריבער צום שטוב פונעם גייס, אריין אין זיין חצר, און פאר א לענגערע צייט אויסגעשריגן דעם קול מחאה: "הער אויף צו שמד'ן היימישע יונגעלייט אין די פרומע אפטיילונגען פון מיליטער!"

עס איז צום האפן אז די דברי מחאה, וואס האט רעפרעזענטירט צענדליגער צעבראכענע מאמעס און קינדער וועמענ'ס טאטע האלט זיך ל"ע אינמיטן שמד'ן, היל"ת, זאלן דערהערט ווערן, און די גייסים שפלים זאלן אויפהערן מיט זייערע מעשי שמד און נישט אפשמד'ן דעם שארית הפליטה.

■

צבע שחור! אין די פארמיטאג שעה איז אריינגעקומען א קלינג פון 'צבע שחור'. ווען דער ציבור איז אנגעקומען, איז דער בחור שוין געווען מיט קייטלעך אויף די הענט, אבער די פאליציי האט אים עס אראפגענומען און אים געלאזט גיין פריי צום קול פון טענץ און געזאנג פון דעם ציבור הנאספים.

אבער נישט פארגעסן: ביום הבחירות זאלט איר נישט בלייבן אינדערהיים, ווייל... עס איז דא א חוק הקפאת המעצרים!

■

אין די טעג ווען פילע ישיבות האבן 'בין הזמנים', קומען פאר פילע כינוסי הסברה והדרכה דורך מפעל 'צבע שחור' און 'אחים אנחנו' אין די שטעט ביתר עילית, בני ברק, און גני מודיעין פארן ספרדישן ציבור, ווי אויך אין קהילות גור, סלאנים און נאך פארשידענע פלעצער. דאס איז צוגאב צו די פילע פעולות אין די חב"ד קרייזן דורך 'קרן ויואל משה', וואס האט ממש געשאפן א רעוואלוציע בסייעתא דשמיא. ועוד ידם של העסקנים החשובים נטוי' סיי צו צוברעכן די גזירת ההשתקה פון די פארטייאישע קרייזן, וואס פארדעקן די סכנה פון שמד אין מיליטער, און סיי מיט די נויטיגע הדרכה ויעוץ אין פאל מען קומט אן אין תפיסה. תחזקנה ידיכם! כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא, וכל שכן ברוחניות!

הערליך און געשמאקער טאץ בייגעלייגט מיט חיזוק בריוו אויף די ענגלישע שפראך געשיקט דורך די וועד למען אסירי ציון פאריגע עש"ק פרשת ראה פאר די מאמע פון דעם אסיר ציון מו"ה אברהם יצחק כהן דער אמעריקאנער בחור (באלטימאר) וואס זיצט און תפיסה פאר די מערכה פון די באן שוין איבער 6 וואכן ה"י, אין צוגאב וואס מען האט ארייגעשיקט געלט פאר שבת צו מאכן בנדבת לב פון די מתפללי ביהמ"ד בית יקותיאל און 'שכונת ויואל משה'

וועד למען אסירי ציון פון ארה"ק, וואס קענען זיי בכלל נישט. אבער העלפן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס אנגעהויבן פון די ריזיגע לויער'ס קאסטן און פאר יעדע פעולה וואס איז נארר דא צו גרינגער מאכן די מצב


בס"ד

**BE STRONG AND COURAGEOUS!**

**To the esteemed family of our העלד, Avraham Yitzchok, who is currently enduring imprisonment for the כבוד השי"ת:**

We are sending you this heartfelt letter of encouragement, respect, and solidarity as you carry out this holy mission for the honor of His blessed Name.

Your dear son's imprisonment is solely because of his devotion to the honor of השי"ת and his holy תורה, His suffering in the prison stands as a source of protection for the כלל ישראל and bringing נחת רוח for השם יתברך.

**You are not alone!**

Countless Jews throughout the world, -who wish to raise their voices in protest, especially in these recent times, with the ongoing brutal arrests of precious Bnei Tzion- stand with you and proclaim:

**Every single day your son remains in prison, he is not sitting there for himself!**
**He is a representative of Torah-observant Jewry throughout the entire world.**

His name will be inscribed in golden letters in the history of Klal Yisrael as one who suffered for the honor of Hashem's Name.

This is not only the achievement of your dear son. You, his parents, are the ones who give him the strength to remain steadfast. With quiet yet unshakable courage, you continue day after day without your son at home, despite the immense pain this brings.

We, Jews living outside the Land of Israel, cannot remain indifferent. In the name of Klal Yisrael, we call out:

**Fortunate are you, and how great is your portion! Be strong and courageous! Remain steadfast, dear brothers and sisters. Hashem sees your sacrifice!**

As a small expression of the heartfelt feelings of Jews all over, who wish to share in your mission, we are enclosing a modest contribution, along with some sweets for the family. It is but a small gesture of our participation in your sacred efforts and your courageous self-sacrifice in the face of these painful decrees.

We conclude in the name of the many brothers and sisters who stand with you with trembling hearts, with prayers and sincere wishes that these difficult days will soon pass;
that your esteemed son will return home safely and swiftly; and that this bitter exile will finally come to an end, with the גאולה שלימה speedily in our days. אמן.

**Your brothers all over,**
**Together with the Committee for the אסירי ציון**
**Vaad Lema'an Asirei Tzion**



## 'צבע שחור' ביים 'ים המלח'

א קאמישע עפיזאד, וואס זאגט אסאך איבער די עפעקטיווקייט פון "צבע שחור", האט זיך אפגעשפילט ביים ים המלח. ביי איינע פון די ערטער וואו א גרופע מענטשן האבן זיך געפונען, האט דער לייף-גארד שוין געוואלט ענדיגן און זיי ארויסשיקן. ער האט פרובירט עטליכע מאל צו פארשיקן דעם עולם, אבער לא עלתה בידו.

אינמיטן האט ער זיך א כאפ געטאן ביים קאפ און א געשריי געגעבן: "עס איז דא א צבע שחור קלינג אינדרויסן!"

ביז סעקונדעס ממש איז דער פלאץ געווען ליידיג, און יעדער איז געווען אינדרויסן.

משמרת חומותינו







פון לופטפעלד קומט אריין נישט קיין גוטע נייעס, אז אלע עריקים וואס עס איז דא אויף זיי א 'צו עיכוב יציאה', ד.מ. אז מען קען געזעצליך נישט פארלאזן דאס לאנד, איז אנדערש ווי ביז היינט, ווען דער געזעץ איז נאר אינפארסירט געווארן דורך די אפיציעלע גרעניץ באאמטע און נישט דורך די טרעוול אגענטן אדער לופט ליניעס, און דורכדעם האט געקענט געשען אז מען זאל זיך אדורכשווערצן די גרעניץ וועכטער, און פונעם פליגער האט מען זיך געקענט ארויסצושמוגלען.

אצינד איז דא א נייע פראטאקאל! יעדער עריק ווערט אויטאמאטיש איינגעמאלדן פאר די לופט-ליניעס, און מען קען גאר אריינרופן הערן צי דער נאמען איז אויף דער שווארצער ליסטע. די מדינה לייגט צו אז עס איז לטובתם פון די עריקים, כדי זיי זאלן נאך אינדערהיים קענען געוואויר ווערן אז זיי קענען נישט פארלאזן דאס לאנד.

# גערעטעטעט אין די לעצטע מינוט!

ווייפל מ'ווייסט די נחיצות פון די מתנדבות וואס שטייען פארנט פון די לשכת הגיוס אפצוראטעווען אידישע נשמות פון ארייינפאלן אין שמד, איבערצייגט מען זיך עס טעגליך נאכאמאל און נאכאמאל, ובפרט פון די דאזיגע מעשה וואס ס'כאפט א שוידער צו זען ווי ווייט עס גייט.

די מתנדבות זענען געשטאנען פאריגע וואך מיטוואך פרשת עקב פארנט פון די לשכת הגיוס. נישט מער און נישט ווייניגער זעען זיי ווי א פרומע מיידל קומט אן מיט א רענצל; זיי האבן גלייך פארשטאנען אז קומען מיט א רענצל צום מיליטער מיינט נאר איין זאך: אז מען קומט זיך בפועל מתגייס זיין ה"י.

זיי זענען תיכף צוגעלאפן צו די מיידל און איר אפגעשטעלט הארט פאר'ן אריינוואקן אין דעם קרעמאטאריום. די מיידל האט זיך קודם נישט געוואלט אפשטעלן, אבער נאכ'ן זיך ממש בעטן ביי איר, האט זי מסכים געווען צו רעדן עטליכע ווערטער מיט די מתנדבות. זי זאגט זיי אז יא, זי איז דא צו ווערן א סאלדאט, און זי האט נישט געוואלט רעדן מער. האבן זיי תיכף אריינגעקלינגען אין אפיס צו די הויפט פון "בנות מלך", וואס איז גאר געלערנט אין אזעלכע פעלער וויאזוי צו כאפן א הארץ פון א מיידל. זיי האבן איר געזאגט: "מיר האבן דא אויפ'ן טעלעפאן די הויפט פון אלע מנהלות פון אלע סקולס, און זי וויל רעדן צו דיר." דא האט די מיידל שוין געהאט א משהו דרך ארץ - זי גייט דאך רעדן צו די הויפט פון אלע מנהלות - און זי האט מסכים געווען צו נעמען דעם טעלעפאן.

די עסקנית פון בנות מלך האט איר געפרעגט די ערשטע שאלה: "דו ווילסט זיך שטעלן אין מיליטער אדער דו מוזט זיך שטעלן?" די מיידל האט תיכף געענטפערט אז חס ושלום, זי וויל נישט, נאר זי האט פשוט נישט קיין ברירה. זי איז אן עטיאפישע מיידל, פון פרומע עלטערן, און זי האט אריינגעשיקט איר תצהיר דת, אבער זיי האבן עס נישט געוואלט אננעמען. זיי האבן איר געזאגט אז זי מוז זיך קומען שטעלן, און זי האט זייער מורא.

די עסקנית האט פרובירט פון אלע זייטן איר משכנע צו זיין זי זאל קודם אוועקגיין פון דארט, פון דעם מקום סכנה, און אריבערקומען צו בנות מלך, זי האט אבער בשום אופן נישט געקענט פועל'ן ביי איר. זי האט ממש געציטערט נישט אויסצופאלגן דעם באפעל זיך צו שטעלן אין מיליטער.

ביז די עסקנית האט איר געפרעגט: "ווען האבן זיי אפגעזאגט דיין תצהיר דת?" אויף דעם האט זי געענטפערט: "פאריגע וואך." האט די עסקנית תיכף געשריגן: "אפילו לויט דעם געזעץ, דארפסטו זיך ביז דרייסיג טעג בכלל נישט שטעלן!" דאס האט שוין יא געכאפט די מיידל, און זי האט מסכים געווען אוועקצואוואקן פון דארט, וואס דאס איז געווען די התחלת הישועה. פארשטייט זיך אז מ'איז תיכף פון דארט אריבער מיט איר צו די אפיסעס פון בנות מלך, וואו מ'האט איר ב"ה גרינגערהייט מסדר געווען איר פטור, און אזוי איז זי ממש גערעטעוועט געווארן פון שמד ממש.

*

פון די אנדערע זייט מוז אנגעמערקט ווערן, אז די קאסטן פון בנות מלך גרייכט שוין איבער $30,000 א חודש, וואס אפילו מ'זאל מצליח זיין דאס צו שאפן, דעקט דאס נאר דאס שטיין ביים לשכת הגיוס אין ירושלים, אבער ביים לשכת הגיוס אין 'תל השומר' שטייט מען בלויז עטליכע שעה א טאג, וויבאלד דאס איז ווייט ארויס פון געגנט און עס קאסט פיל טייערער צו שטיין דארט, פרובירט מען אויסרעכענען צו שטיין ביי די עיקר שעות ווען די מענטשן קומען, אבער דערווייל שטייט מען נאך ליידער נישט אלע שעות פון טאג, און דעם שרעקליכן חורבן וואס קומט ארויס פון דעם וואס מ'שטייט נישט דארט א גאנצן טאג קען מען זען סיי פון די מעשה וואס מ'האט יעצט דערציילט - וואו ווען נישט די מתנדבות וואלט אן קיין שום ספק א אידישע נשמה פארברענט געווארן ה"י - און סיי פון די קומענדיגע מעשה וואו מ'האט ב"ה צום סוף געראטעוועט די נשמה, אבער עס האט אפגעקאסט ממון ודמים מיט עגמת נפש, וואס דאס אלעס וואלט מען געקענט פארמיידן ווען מ'שטייט ווען א גאנצן טאג ביים לשכת הגיוס אין תל השומר.

*

די מעשה איז מיט א פרומע מיידל פון די שטאט בני ברק, וואס האט נישט מסדר געווען איר תצהיר דת צוזאמען מיט איר גאנצע קלאס, צוליב דעם וואס זי האט פארלוירן איר תעודת זהות (דאס איז ווי דער סאושעל סעקיוריטי אין ארה"ב). ביז זי האט באקומען אן אפוינטמענט מסדר צו זיין א נייע, האט גענומען עטליכע חדשים. ממילא האט זי זיך געטראפן אליינס אין איר קלאס אן קיין פטור פון מיליטער.

נישט וויסנדיג פון די אלע הילפס ארגאניזאציעס, האט זי אליינס אריינגעשיקט איר פארלאנג פאר א תצהיר דת צום מיליטער. דאס מיליטער האט עס תיכף גע'פסל'ט און געזאגט אז זי מוז ארויסקומען פערזענליך און מ'קען דאס נישט שיקן דורך די פאסט.

בתמימות איז די מיידל ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט איר מאמע צום לשכת הגיוס אין 'תל השומר', פונקט אין א צייט ווען די מתנדבות זענען נישט דארט געווען - ווי ערוועגט צוליב מאנגל אין געלט... - און ליידער איז דאס מיידל אריינגעגאנגען. די מאמע האבן זיי ארויסגעשיקט, און זיי האבן אפילו נישט געוואלט קוקן אויף אירע פאפירן, נאר איר געזאגט אז זי מוז זיך תיכף שטעלן פאר א "ראיון דת", וואו מ'גייט איר פארהערן צי זי איז טאקע פרום. זיי האבן איר אריינגענומען אויף א שרעקליכן דערנידערטן אופן און אנגעהויבן פרעגן קשיות פון אלע זייטן. די מיידל איז געווארן צעמישט און נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט איר, און זי האט אנגעהויבן שטאלפערן פאר שרעק. זיי האבן איר תיכף ארויסגעשיקט און געזאגט אז זי מוז זיך מאבילייזירן, און זיי האבן באשטימט א "יום גיוס", השם ירחם.

דאס מיידל איז ארויסגעקומען פון דארט האלטנדיג ממש ביים חלש'ן. בצר להם האבן זיי זיך נאכגעפרעגט און זענען געוואויר געווארן פון "בנות מלך", אבער אין אזא סיטואציע, נאך א ראיון דת, איז שוין זייער שווער מסדר צו זיין א פטור. מ'האט זיך געמוזט אריינלייגן מיט לאיערס און מ'האט געארבעט וואכן און חדשים, ביז מ'האט בניסי נסים געטראפן עטליכע פונקטן וואו די מיליטער האט עובר געווען און פארלעצט דעם געזעץ, און אויף דעם האט מען זיך געקענט ארויפכאפן און ראטעווען די מיידל פון ארייינפאלן צום שמד, השם ירחם.